NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13362

# MAYSELEKH FUN DER

Josef Ravin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

B. Levine
Bronx, N. Y.

# דער קלוגער
# פוקס
# און אנדערע

י. ראַווין.

# מעשה׳לעך פון דער חיות־ און פייגל־וועלט.

פאַריידישט און געזאַמלט פון
מעשה׳לעך־אוצר פון פאַרשי־
דענע פעלקער און לענדער.

9800

1־טע זאַמלונג:

## דער קלוגער פוקס,

(דייטשע פאָלקסמעשה׳לעך
פון זיבנבירגנלאַנד).

פאַרלאַג א. גיטלין

ווארשע 1921

DRUK. SIKORA i MYLNER WARSZAWA, NOWOLIPKI 6.

# דער פוקס און דער וואָלף
# אויף אַ דאָרפ׳שער חֲתוּנָה.

(אַ פאָלקסמעשׂה׳לע פון זיבנבירגנלאַנד).

B. Lee
Bronx, N.

# אינהאַלט:

1. דער פוקס און דער װאָלף אויף אַ דאָרפישער חתונה.
2. אַ װאָלף, אַ בער און אַ האָז אויפ'ן מעדװישער יריד.
3. װעגן דער בּת־מלכּה, װעלכע האָט פון איר שלאָס אַרויס־געזען אַלץ, װאָס עס קומט פאָר אין איר מלוכה.

# דער פוקס און דער וואָלף אויף אַ דאָרפישער חתונה.

(פאָלקס-מעשה'לע פון זיבנבירגנלאַנד).

**************

די זון איז שוין פאַרגאַנגען הינטער די בערג און ס'האָט ערשט אָנגעהויבן פינסטערלעך צו ווערן, ווען דער פוקס מיט'ן וואָלף האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין, דער פוקס פאָרויס. בְּשָׁלוֹם זענען זיי געקומען צו אַ הויז, וואו עס איז פאָרגעקומען אַ פויערשע חתונה. דעם פויערס הויז האָבן זיך באַנוצט מיט דער געלעגנהייט און באַפרייט זיך פון דער דינסט. זיי האָבן זיך בעסער אַרומגעדרייט אין דער קיך, געשטערט, פילייכט וועט זיך זיי איינגעבן אָפּצולעקן אַביינדל. דער ערשטער איז אין קעלער, דורך אַ לאָך, אַריינגע-

שפּרונגען דער פוקס און האָט אַ וואונק געטאָן צום
וואָלף, ער זאָל אויך אַריינשפּרינגען. אַז אַ זוֹלֵל וְסוֹבֵא־
ניק דערזעט מיטאַמאָל צופיל מַאֲכָלִים, איז עס פאַר
אים אַן אֱמֶת אָפּקומעניש: ער קען זיך, נעבעך, ניט
געבן קיין עֵצָה פון וואַסער זייט צו מאַכן די „הַמוֹצִיא“,
און צונעמען אַלץ מיטאַמאָל איז ער אויך ניט אימ־
שטאַנד. דאָסזעלבע האָט פּאַסירט יעצט מיט'ן וואָלף:
ער האָט דערזען פאַר זיך אַ גאַנצן אוֹצָר, טאַקע, ווי
מ'זאָגט: אַלדאָס גוטס; וואָס איז דאָ ניט געווען? פלייש
פון אַ גאַנצער בְּהֵמָה, אַ סַך אָפּגעפּליקטע הינער, חֲזִיר־
פלייש, פעטס, האָניק, מעד און וויין. ר' וועלוול האָט
אַזש אָנגעהויבן צו שרייען: אָ, אָ, אַזויפיל, קיין עַיִן־
הָרָע! ווי עסט מען עס אויף מיט איינמאָל?! און ער
האָט אָנגעהויבן צו רייבן, אויף וואָס די וועלט שטייט.
אַלץ הייכט עסן: האַסטיק האָט ער אָנגעהויבן צו פּאַקן
אין די באַקן, געשלונגען גאַנצערהייט גאַנצע שטיקער
פלייש און פאַרטרינקען מיט מעד און וויין גאַנצע קענד־
לעכווייז. דער פוקס, אָבער, האָט אויפגעגעסן נאָר צוויי
יונגע הינער און דערביי ניט איינגערוט, טאַקע, ווי אַ
קַדַחַת וואָלט אים געוואָרפן: יעדע ווײַלע פלעגט ער

ארוימלויפן דורכן קעלער-לאָך און אַזוי אַרום פּרובירן, אויב ער איז ניט דיקער געוואָרן און צי ער קען נאָך דורכגיין דורך דעם לאָך. כאָטש דער וואָלף איז געווען אַזוי שטאַרק פאַרטאָן אין דער אַכילה, האָט ער דאָך באַמערקט דעם פוקס אויפפירונג און געפרעגט אים: „וואָס טוסטו דאָ: ביזט, חלילה, משוגע צי חסר-דעה?“ „איך גיב אַכטונג, עס זאָל ווער ניט אָנקומען פלוצלונג“— ענטפערט דער פוקס. „אָט דאָ זעט מען טאַקע אַרויס, וואָס פאַר א העלד דו ביזט!“—האָט געזאָגט דער וואָלף און ווידער גענומען זיך צו דער איבערגעריסענער אַר-בעט: פרעסן, זויפן און שטאָפּן אַלץ אין זיין בויך אַזוי זשעדנע, גלייך ווי ער וואָלט אָקאָרשט געקומען פון הונגערלאַנד. נאָר אַלץ האָט דאָך א שיעור און אַ מאָס,— ווען ער זאָל האָבן זיבן מאָגנס, וואָלט ער דען בכח געווען בייצוקומען די אַלע מאַכלים און משקאות, וואָס זענען געווען אין קעלער? פאַרשטייט זיך, אַז עס איז דאָך געקומען אַ צייט, ווען ר' וועלוול איז געוואָרן מיט מזל זאַט און גלאַט. דער וויין האָט, אָבער, געטאָן זיינס: ער האָט אים אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ און דער וואָלף איז טאַקע געוואָרן בגילופין. „ליבער חבר“,— רופט ער

זיך אָפּ צום פוקס, — איך האָב שטאַרק חשק געקראָגן צום זינגען, לאָמיר אַ זינג טאָן, חי געלעבט!״—„איך האָב אַ קאַטאַר״ — ענטפערט דער פוקס — „קאָן איך ניט, און איר לאָזט אייך בעסער דעם געזאַנג צורו!״ „ניין, מיין ליבער חבר, דאָס ניט, איך מוז זינגען, איך קען זיך שוין מער ניט איינהאַלטן״ — און ער האָט אָנגעהויבן שרעקלעך צו קווייטשען „אולולו! יוטו־ו־ו הו הו!״, ווי די וועלף זינגען.

דעם שיינעם קאָנצערט האָבן דערהערט די חתונה־געסט און דערקענט גלייך, ווער דער פיינער זינגער איז. האָבן זיי געכאַפּט גרויסע שייטלעך האָלץ און זענען גלייך אַוועקגעלאָפן צום קעלער. אַז דער פוקס האָט דערהערט וייער אָנקומען, האָט ער געזאָגט צום וואָלף: „נו ליבער חבר, יעצט קענט איר זינגען, וויפל אייער האַרץ גלוסט נאָר, און אָט קומען טאַקע אָן די, וועלכע וועלן אייך אָפּקלאַפּן דעם טאַקט״. נאָר געזאָגט,— האָט דער פוקס אַ שפּרונג געטאָן פון קעלער און אַנטלאָפן. דער וואָלף האָט שוין אויך פאַרשטאַנען דאָס געפאַר און געוואָלט טאָן דאָסזעלבע, וואָס דער פוקס, נאָר ער איז געווען אַזוי שווער און פול, אַז ער האָט ניט באַוויזן

אַרויסצושפּרינגען. די פּויערים האָבן אים אָנגעהויבן צו שלאָגן מיט ווייטערע אַלע כּחות. צו זיין אומגליק האָט ער אַרויסגערוקט דעם קאָפּ דורך דער לאָך און געבליבן שטעקן — ניט אַהער, ניט אַהין. און די פּויערים הערן ניט אויף צו שלאָגן. דאָ האָט ער אָנגעשטרענגט אַלע זיינע כּוחות און מיט גרויס מאַטערניש האָט סוף כּל סוף אים זיך איינגעגעבן אַרויסצורייסן זיך פון דער לאָך און אַנטלויפן אין אַ זיכערן אָרט, וואו ער איז פריי געווען פון די פּויערים פאַרפאַלגונגען און געקענט אַביסל פרייער אָפּאָטעמען. ווי האָט ער, אָבער, אויסגעזען נאָך דער באָד? גאַנצע שטיקער פעל און אַלץ, וואָס ער האָט געפרעסן, האָט ער געמוזט אין קעלער לאָזן און אינגאַנצן איז ער געווען צעקיילט און צעביילט אין איינע וואונדן. אַזוי פיל איז נאָך קיין איין וואָלף ניט אויסגעשטאַנען. ווי ער שטייט עס אַזוי אין געהאַקטע וואונדן מיט אַ פאַרביטערט האַרץ, דערזעט ער מיטאַמאָל דעם פוקס: „אַזוי“ — טראַכט ער — „מיט אים וועל איך זיך שוין יעצט אָפּרעכענען. ער איז עס אין אַלץ שולדיק“. דער פוקס האָט גלייך באַמערקט, וואָס דער וואָלף האָט אין זינען און איז צו אים צוגעגאַנגען גאַנץ

לאנגזאם, מאכנדיק זיך, אז ער האט בּלומרשט ניט קיין כּח און אז ער שלעפּט קוים די פיס.

נאך זייענדיק אין קעלער, האט דער פוקס איינגע־טונקט זיין עק אין א פאס האניק און מיט אים אויסגע־שמירט אין פאסן זיין לייב. אין דער צייט, וואס מ׳האט דעם וואלף אין קעלער געשלאגן, איז דער פוקס רואיק געלעגן אין א שאפע מיט פלאקס. ארומוואלגערנדיק זיך אין פלאקס האבן זיך צוגעקלעפּט צו זיין לייב א דאנק דעם האניק, א סך פלאקס־שטעקעלעך.

„ווי איז עס אייך געגאנגען, פעטערל?“—האט דער פוקס מיט א שוואך קול און קרעכצנדיק, געפרעגט־דעם וואלף.

„ניט גוט“—האט ער מיט כעס געענטפערט.—„דאס האב איך דיר צו פארדאנקען און דערפאר וועסטו טייער באצאלן!“

„וואס רעדט איר, פעטערל“—האט אפגעזיפצט דער פוקס.—„איך טראכט גאר וועגן נקמה נעמען פון מיר? גיט בעסער א קוק, ווי איך האב געליטן, ווערט איר מיי־נע ביינער, ווי זיי שטעקן ארויס? דאס האבן מיר די הינט געמאכט, ווערמענס אויפמערקזאמקייט איך האב מיט

אַ כּיָון געצויגן אויף זיך, וועלנדיק אייך ראַטעווען, בִּשְׁעַת איר האָט געהאַט צו טאָן מיט די פּויערים. איך קען מיך ווייטער שוין ניט רירן, און אויב איר וועט מיך ניט טראָגן, בלייב איך דאָ ליגן אויפ'ן אָרט". — „גוט" — האָט געזאָגט דער וואָלף — „איך וועל אייך טראָגן, און דאַן וועט איר מיך טראָגן, מיר וועלן זיך בייטן". — „אַוַדַאי אַזוי, אַלץ דאַרף זיין מיט יֹשֶׁר!" — ענטפערט דער פוקס, טראָגט אים דער וואָלף אויף זיינע פּלייצעס, באַגיסנ־דיק זיך מיט שווייס. און דער פוקס רעדט פאַר זיך: „אַ געשלאָגענער טראָגט אַ ניטגעשלאָגענעם". — „וואָס רעד־סטו דאָרטן, תַּכְשִׁיט מיינער?" — האָט דער וואָלף אויס־געשריען. — „אַך, גאָרנישט, איך רעד עס פון היץ". קוים האָט דער וואָלף נאָך עטלעכע טריט געמאַכט און דער פוקס רעדט שוין ווידער: „אַ געשלאָגענער טראָגט אַ ניטגעשלאָגענעם". — „וואָס רעדסטו?" — האָט דער וואָלף ווידער אויסגעשריען. — „אַך, איר הייכט דאָך שוין, איך רעד עס גלאַט אין דער וועלט אַריין". — און גלייך רעדט דער פוקס צום דריטן מאָל און דער וואָלף פרעגט זיך ווידער נאָך. — „אַך, איר לייגט ניט קיין אַכט דערויף, איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז איך בין קראַנק". דער

וואָלף איז שוין אָפּגעגאַנגען מיט טייכן שווייס און האָט שוין מער קיין כּח ניט געהאַט צום טראָגן. — „יעצט דאַרפסטו מיך טראָגן!“ — האָט ער געזאָגט צום פוקס. „נאָך איין שטיקעלע“, — האָט דער פוקס זיך אָפּגעבעטן, „דאַן וועל איך דיך שוין טראָגן“. אַזוי האָט זיך עס איבערגעחזר׳ט עטלעכע מאָל און דער וואָלף האָט יע־דעס מאָל געלאָזט זיך איינריידן. דערווייל זענען זיי גע־קומען נאָענט צו דעם פוקס נאָרע. דער פוקס איז פלינק אַראָפּגעשפּרונגען, אַריינגעכאַפּט זיך אין דער נאָרע און אויסגעשריען: „אַ שיינעם דאַנק, פעטערל!“ — „סטייטש, סטייטש!“ — האָט דער וואָלף אויסגעשריען אויסער זיך פאַר כּעס, — „ניט אַזוי האָבן מיר דאָך אָפּגערעדט!“ — גיט ער זיך אַ יאָג נאָכ׳ן פוקס און באַווייזט נאָך צו פאַקן דעם פוקס ביים עק, וועלכע האָט נאָך פון דער נאָרע אַרויסגעשטעקט: — „אַהאַ, אָט האָב איך דיך גע־פּאַקט!“ — „כאַ, כאַ, כאַ...“ — האָט דער פוקס הויך צו־לאַכט זיך, — „איר האָט דאָך געפּאַקט אַ וואָרצל פון בוים!“ ניט אַ־ומקוקנדיק זיך אפילו, לאָזט דער וואָלף גלייך אָפּ דעם עק און גיט אַ כאַפּ, דאָס מאָל שוין אַן אמת׳ן וואָרצל פון בוים. דער פוקס האָט דערווייל טיפער

באַהאַלטן זיך אין זיין היל און פון דאָרט האָט ער אָנ־
געהויבן צו רייצן זיך און חוזק מאַכן פון וואָלף, וועל־
כער האָט מיט רציחה געביסן און געריסן דעם וואָרצל
פון בוים, באַגיסנדיק זיך מיט טייכן שווייס.

„ווי איז מיר, ווי איז מיר!" — האָט דער פוקס
געיאָמערט בלומרשט פאַר וויטיק — „אַי, מיין עק!" — צום
סוף האָט ער הויך זיך צולאַכט און צום געזעגנען זיך
אויסגעשריען צום וואָלף: — „גייט, בעסער, אַהיים, פעט־
טערל, מיט אייך וועל איך שוין מער ניט האָבן וואָס
צו טאָן ווי לאַנג איך וועל נאָר לעבען. דערציילט
אייער פרוי, וואָס פאַר אַ שוטה, זלל וסובא און וואָס
פאַר אַ טויגנישט איר זייט!" פאַר כעס האָט דער
וואָלף געשאָטן מיט פעך און שוועבל; ווען ער פאַקט
עס יעצט דעם פוקס, וואָלט ער אים צעריסן אויף פיצ־
פיצלעך. נאָר גיי, מאַך עפּעס, אַז ער זיצט זיך אינוויי־
ניק באַהאַלטן און ער הערט ניט אויף צו לאַכן און צו
שפּאָטן פון זיין אָנמעכטיקן כעס:

„טאָמער פרעגט אייך אייער פרוי אדאַנק וועמען
איר האָט באַקומען אזא פּנים, טאָ שעמט זיך ניט און

זאָגט, אַראַנק דעם פוקס, וועלכער האָט, אויך געלערנט אייך אַמאָל פּיש כאַפּן".

— פון יענער צייט אָן איז דער וואָלף דעם פוקס אַ בעל-שונא, און ווי ער דערזעט אים, באַהאַלט ער דעם עק צווישן די פיס און אַנטלויפט צו זיך אַהיים.

# אַ פוקס, אַ וואָלף, אַ בער און אַ האָז אויפ'ן מעדווישער יריד.

(אַ מעשה'לע פון זיבנבירגנלאַנד).

# דער פוקס, דער וואָלף, דער בער און דער האָז אויפ'ן מעדווישער יריד.

(אַ מעשה'לע פון זיבנבירגנלאַנד)

**************

אַ פוקס, אַ וואָלף, אַ בער און אַ האָז זענען אַמאָל געזעסן אין גרינעם וואַלד בײַ אַ געמיטלעכן שמועס. האָט זיך אָפּגערופן דער פוקס: —„וואָס וואָלט געווען אַ שטייגער, ווען מיר זאָלן אויך אַמאָל זיך אַדורכגיין קיין מעדוויש אויפ'ן יריד? דאָרטן, זאָגט מען, איז גאַנץ פרייליך!״

ענטפערט דערויף דער בער: „איך בין שוין אַלט און שוואַך,— אויב דער וואָלף, אָבער, וועט מיטגיין און זיך אונטערנעמען צו זיין אונזער באַשיצער בְּעֵת צָרָה, דאַן, מֵהָיכִי תֵּיתֵי, בין איך מַסְכִּים; איר ווייסט דאָך, אַוודאי, אַז דער מענטש איז פאַלש און איז אונז אַ דם־

שׂונא!"—„וואָס? איך האָב ניט מורא פאַר אים!"—האָט דער וואָלף אויסגעשריען מיט קוראַזש —„איך גיי מיט און, גלייבט מיר, איר וועט ניט פאַרשעמט ווערן און איך וועט קיין שלעכטס ניט געשען".

„איך וויל אויך מיטגיין, איך וויל אויך!"—רופט זיך אָפּ דער לוסטיקער האָז.

„האַלט ס'פּיסק, דו שקאָץ איינער, ביזט נאָך צו נאַריש!"—זאָגט דער פוקס—„דו וועסט נאָך מיט דיינע גרויסע אויגן אומעטום פאַרגאַפן זיך און אַריינברענגען אונז, חלילה, אין אַ צרה!"

האָט דאַן דער האָז אַ ווינק געטאָן צום וואָלף, גלייך ווי ער וואָלט געזאָגט: „מאַך אַזוי, מע זאָל מיך אויך מיטנעמען". דעם וואָלף איז די חניפה געפעלן געוואָרן און ער רופט זיך אָפּ:—„דאָס העזעלע מוז אויך גיין מיט אונז!" און גיט אים דערביי אַ קניפּ אין בעקל. דאָ גיט אַ פרעג דער בער: „אויפ'ן מעדווישער יריד האָט יעדער אַ געוויסע אַרבעט, קענען מיר דאָך אויך ניט קומען מיט ליידיקע הענט".

„אויך אַ דאגה, דאָס איז גאָר פון די לייכטע זאַכן",— רופט זיך אָפּ דער וואָלף —„מיר וועלן זיך פאַרשטעלן

שונג דער וואָלף און ער האָט מוטיק געזאָגט: — „ועט איר, בעל-הבית, מיר וענען וואַנדער-זינגער: מאָרגן, אם ירצה השם, וועלן מיר דורך אונזער זינגען פיין פאַרדי-נען און וועלן דאַן מיט אַ שיינעם דאַנק באַצאָלן אייך וואָס עס קומט".

„גאַנץ שיין פון אייער זייט"—זאָגט דער שענקער,— „לאָזט מיר נאָר איבער, דערווייל, אַלס משכּון, אייערע פּיטערם". דער שענקער האָט גלייך ביים אַנקומען פון די פיינע געסט, באַמערקט, וואָס פאַר אַ צאָלער זיי ועגען און האָט באַצייטנס, בשתיקה, גערופן דעם קירושנער. — „איך האָב דאָ אַ פריינט, אַ קירושנער, וועט ער שוין אַליין אייך אויסטאָן די פוטערם".

דערהערנדיק דעם נאָמען קירושנער זיינען זיי אַלע אין טויט-שרעק אויפגעשפרונגען און אַ לאָז געטאָן זיך צו דער טיר. זי איז, אָבער, געווען פעסט פאַרהאַקט. דער קירושנער מיט'ן שענקער האָבן גלייך אָנגעהויבן צו יאָגן זיך נאָך די חיות, כּדי איינציקווייז כאַפּן און בינדן זיי. דער בער האָט אָנגעהויבן צו ברומען, דער וואָלף צו קוויטשען, דער פוקס צו בילן; נאָר דער האָז איז פאַר שרעק מבולבל געוואָרן און געבליבן שטיין ווי אַ

ליימענער גולם: די אויגן פאַרגלאָצט, זיין דיסקאַנט האָט זיך אָפּגעזאָגט צו דינען און עד־היום האָט ער זיין קול נאָך ניט צוריקבאַקומען. עס איז געווען שוין איינמאָל אַ קאָנצערט.

דער וואָלף און דער פוקס האָבן זיך שטענדיק אַרויסגעדרייט פון שענקערס און קירזשנערס הענט. דאַן האָבן זיי זיך גענומען צום האָז — וואָס עס איז אָנגעקומען גאָר לייכט, ווייל ער איז געווען ווי אַ נעבעכל און ניט גערירט זיך פון אָרט. מיט אַ נאָגל האָבן זיי צוגעקלאַפּט זיין עק צו דער וואַנט. דערנאָך האָבן זיי זיך גענומען צום בער. אים האָבן זיי אויך לייכט בייגעקומען, ווייל ער איז געווען אַלט און אַ קריכער דערצו. אויך זיין עק האָט מען מיט אַ נאָגל צוגעקלאַפּט צו דער וואַנט. יעצט, רבותי, ר' וועלוול און פיקסל, האַלט אייך! זיי האָבן אָנגעהויבן מיט אַ קוויטשעריי און בילעריי אַרומצוטאַנצן איבער'ן צימער: דאָ אַרויף, דאָ אַראָפּ, דאָ צו דער טיר, דאָ אויפ'ן פענסטער. אין איינע אַנגסטן און טויט־שרעק האָט דער וואָלף אַ שפּרונג געטאָן אויפ'ן פענסטער און מיט זיין גאַנצן כח געגעבן אַ זעץ אין פענסטערלאָדן, וועלכער האָט זיך געגעבן אַ מאַך אויף און

דער וואָלף — פֿוץ — אַרויס דורכ'ן פֿענסטער. ער האָט אַפֿילו דערבײַ זיך צובראָכן אַ פֿוס, נאָר ער האָט זיך אָנגעטאָן אַ כּח און מיט אַ שרעקלעך קוויטשערײַ אַוועקגעלאָפֿן. אַז דער פֿוקס האָט דאָס דערזען, האָט ער אויך אַ לאָז געטאָן זיך צום אָפֿענעם פֿענסטער. בשעת מעשה האָט דאָרט די בעל־הבית'טע געקליבן זיך שלאָגן פּוטער פֿון שמאַנט און געהאַלטן אין דער האַנט דעם שמאַנט־לעפֿל. אַז זי האָט דערזען דעם פֿוקס שפּרינגען, האָט זי אים געגעבן אַ קלאַפּ מיט'ן לעפֿל, נאָר אַזוי ניט געראָטן, אַז זי האָט געטראָפֿן נאָר דעם שפּיץ פֿון עק, וועלכער איז עד־היום געבליבן אויך ווײַס, ווי שמאַנט.

דער שענקער מיט'ן קירזשנער זענען שנעל אַרויסגעלאָפֿן כאַפּן דעם וואָלף און ווידער צומאַכן דעם פֿענסטערלאָדן, כּדי דער פֿוקס זאָל ניט קענען אַנטלויפֿן. בינו לבינו איז דער פֿוקס שוין געווען העט וואו. דערזעענדיק דאָס אָפֿענע פֿענסטער און דעם פֿוקס און דעם וואָלפֿס גליקלעכע פּליטה, איז אויך דער בער ניט געבליבן רואיק זיצן: ער האָט זיך אָנגעהויבן צו רײַסן, וואַרפֿן, שלײַדערן אויף אַלע זײַטן, ביז מיטאַמאָל —

האָפּ — ער איז פריי געוואָרן. זיין עק, אָבער, איז געבליבן הענגען אויף דער וואַנט. אויך דער האָז איז געוואָרן מונטערער און נאָכגעמאַכט דעם בער: געלאָזן זיין עק אויף דער וואַנט און — רוף אים קנאַקניסל! ער האָט גע־לאָזט זיך לויפן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז שנעלער קען שוין גאָר ניט געבן. און געלאָפן איז ער אַזוי אין איין אָטעם, ניט אַרומקוקנדיק זיך אַפילו, ביז ער איז ניט געקומען אין וואַלד אַריין.

ביז־היום האָבן נאָך ניט דער בער, ניט דער האָז ניט אויסגעקויפט ביים שענקער זייערע עקלעך.

פענסטער, געקעפּט און זיין קאָפּ געלאָזט אויפשטעכן אויף אַ שטעקן. דאַן איז געקומען דער יינגסטער ברו־דער. ער האָט געבעטן ביי דער בת־מלכּה, זי זאָל אזוי גנעדיק זיין, זי זאָל אים געבן צייט איין טאָג אויף צו טראַכטן און די ערשטע צוויי מאָל וואָס ער וועט ניט טרעפן, זאָל זי אים מוחל זיין, און אויפ'ן דריטן מאָל, אויב זי געפינט אים, קען זי מיט אים טאָן, וואָס זי וויל. די בת־מלכּה האָט גערן מסכּים געווען דערויף, ווייל זי איז זיכער געווען אין זיין דורכפאַל. אָט האָט ער שוין דעם טאָג צום טראַכטן. ער טראַכט און טראַכט וואו צו באַהאַלטן זיך, און קען זיך ניט דערטראַכטן. דער קאָפּ דאָט אים שוין אָנגעהייבן צו שפּאַלטן פון צו־פיל טראַכטן. כּדי אַביסל צושטרויען זיך, נעמט ער זיין ביקס און גייט אויף יאַגד. אין קאָרן טרעפט ער אַ ראָב, וויל ער אויף אים אויסשיסן, רופט זיך, אָבער, דער ראָב צו אים אָפּ: — „שיס מיך נישט, וועל איך דערפאַר דיר שפּעטער גוט באַצאָלן". האָט ער גע־פאָלגט און אוועק ווייטער. גייט ער, גייט ביז ער קומט צו אַ וואַסער און שרעקט דאָרט איבער אַ גרויסן פיש. וויל ער ווידער אויסשיסן, נאָר דער פיש האָט זיך

אָפּגערופן: — „שים מיך נישט, וועל איך דיר שפּעטער אָפּדינען". פאָלגט ער ווידער און גייט ווייטער. פּלוצלונג באַמערקט ער אַ הינקעדיקן פּיקס און שיסט אויס, אייַדער יענער האָט נאָך צייט געהאַט אַרומצוקוקן זיך. נאָר אַזוי ווי ער האָט ניט געטראָפן, רופט זיך אָפּ דער פוקס: — „קום בעסער אַהער און צי אַרויס דעם דאָרן פון מיין פוס". ערפילט דער יעגער זיין בַּקָשָׁה און גלייך דערנאָך וויל ער אים דערשיסן צוליב זיין שיינער פעל. —„לאָז מיך צורו"—רופט זיך אָפּ דער פּיקס—„וועל איך דיר שפּעטער אָפּדינען". האָט ער אויך זיין צווייטע בַּקָשָׁה ערפילט און געקומען פאַרנאַכט אַהיים מיט ליידיקע הענט.

אויפ'ן צווייטן טאָג האָט ער זיך שוין געזאָלט באַהאַלטן, נאָר אַזוי ווי ער האָט ניט אָנגעהויבן צו וויסן וואו זיך צו באַהאַלטן, איז ער אַוועק אין וואַלד צום ראָב און געזאָגט: — „איך האָב דיך געלאָזט לעבן, טאָ גיב מיר יעצט אַן עֵצָה, וואוהין איך זאָל זיך באַהאַלטן, די בַּת־מַלְכָּה זאָל מיך ניט קענען געפינען". דער ראָב האָט לאַנג, לאַנג געטראַכט, צום סוף האָט ער געזאָגט: —„ס'איז דאָ!" גלייך ברענגט ער פון זיין נעסט אַן איי,

צושפּאַלט עס אויף דער העלפט, לייגט אַהין אַריין דעם בָּחור, מאַכט ס'איי ווידער גאַנץ, לייגט עס צוריק אין נעסט אַריין און זעצט זיך אויף אים. אַז די בַּת־מַלְכָּה האָט אים אָנגעהויבן צו זוכן, האָט זי פון ערשטן, צווייטן, דריטן און פערטן פענסטער גאָרנישט געזען און האָט זיך שטאַרק דערשראָקן. גייט זי דאָך ווייטער, אָבער אויך פון פינפטן, זעקסטן, זיבטן, אַכטן, ניינטן און צענטן פענסטער האָט זי אים ניט געפונען. ערשט פון עלפטן פענסטער האָט זי אים דערזען. גלייך האָט זי געהייסן שיסן דעם ראָב. ברענגען דאָס איי, צו ברעכן עס און דער בָּחור האָט געמוזט אַרויסגיין: —„שענק איך דיר, הייסט עס, ס'ערשטע מאָל!" — האָט זי געזאָגט. יעצט מוז דער בָּחור צום צווייטן מאָל זיך באַהאַלטן. ער האָט, אָבער, ווידער ניט געוואוסט וואוהין. גייט ער אַוועק צום וואַסער, רופט אַרויס דעם פיש און זאָגט: — „איך האָב דיך געלאָזט לעבן, טאָ זאָג מיר דערפאַר וואו זאָל איך מיך יעצט באַהאַלטן, די בַּת־מַלְכָּה זאָל מיך ניט געפינען!" דער פיש האָט לאַנג געטראַכט און צום סוף האָט ער געזאָגט: — „ס'איז דאָ! אַמבעסטן וועט פאַר דיר זיין, דו זאָלסט זיך באַהאַלטן ביי מיר

אין בויך". מיט די ווערטער האָט דער פיש אים גלייך אַראָפּגעשלונגען און אַליין זיך אַראָפּ-געלאָזט אין טיפסטן אָרט פון וואַסער. ביז'ן עלפטן פענסטער האָט די בת-מלכה אים ניט געזען. אַז זי האָט אים אויך פון עלפטן ניט געפינען, איז זי אויף אַ ווײַלע געבליבן שטיין פאַר-וואונדערט: ס'האָט זיך איר ניט געלייגט אויפ'ן שׂכל, עס זאָל ווער קענען פון איר זיך אַזוי באַהאַלטן. סוף כּל סוף איז זי אַוועק צום לעצטן פענסטער און דאָ האָט זי אים געפּאַקט. גלייך האָט זי געהייסן כאַפּן און טויטן דעם פיש און דער בחור האָט געמוזט אַרויסגיין: —„נו, צוויי מאָל האָב איך דיר שוין געשענקט, יעצט וועסט שוין דיין קאָפּ ניט אויסמיידן דעם שפּיציקן פּלאַקן!" דעם בחור איז געוואָרן קאַלאַמוטנע אויפ'ן האַרצן, וואָס ט מען, וואוהין באַהאַלט מען זיך פון איר.

אַרומגייענדיק אַזוי פאַרטיפט אין זיינע טרויעריקע געדאַנקען, באַמערקט ער דעם פוקס:—„אַ, פיינער בחור ביינער, וואוהין לויפסטו עס אַזוי פאַרשמייעט? הער, נאַר, חכם מיינער, איך האָב דיך אַמאָל געלאָזט לעבן, טאָ ווי מוחל און גיב מיר יעצט אַן עצה, וואו איך זאָל מיך באַהאַלטן פון דער בת-מלכה?" דער פוקס שאָקלט

געטריבענע זאַך, וואָס אֶמֶת איז אֶמֶת!" דער פּוקס איז פריילעך אַוועקגעלאָפן אין וואַלד מָלֵא שִׂמְחָה פון דעם בָחורס גוטער מיינונג וועגן אים. דער בָּחוּר, ווידער, איז גלייך - אַוועק אין שלאָס, וואו עס האָט שוין גע-וואַרט אויף אים די בַּת-מַלְכָּה, וועלכע האָט געמוזט יעצט זיך אונטערוואַרפן דעם גורל. מ'האָט אָפּגעשפּילט אַ פיינע חֲתֻנָּה און דער בָּחוּר איז געוואָרן מֶלֶך. ער האָט, אָבער, קיינמאָל ניט דערציילט דער מַלְכָּה, וואו ער האָט זיך צום לעצטן מאָל באַהאַלטן און ווער עס האָט אים דערין געהאָלפן. זי איז געווען איינגעגלייבט, אַז ער האָט עס דערגרייכט מיט זיין אייגענעם שֵׂכֶל און דערפאַר האָט זי געהאַט פאַר אים גרויס דֶּרֶך-אֶרֶץ, טראַכטנדיק פאַר זיך: "ער קען דאָך מער פאַר מיר".

פארלאג
א.גיטלין
ווארשע
נוי-יארק

Księgarnia i Wydawnictwo
E. GITLINA, WARSZAWA
Nalewki, Kramy-Nalewkowskie 1.